Cityscapes






## THE LOWER EAST SIDE

1 Newspaper Row
2 World Building
3 Chatham Sq. Library
4 Beth Israel Hospital
5 Israel Elchanan Yeshiva
6 Seward Park Library
7 Forward Building on Yiddish Newspaper Row
8 Educational Alliance
9 Henry St. Settlement and Clinton Hall
10 Machzike Talmud Torah
11 Hebrew Sheltering House
12 Hebrew Technical School for Girls
13 Home for Aged
14 Jewish Maternity Hospital
15 Young Men's Benevolent Association
16 Camp Huddleston Hospital Ship School
17 Beth Hamedrash Hagodol
18 Pro-Cathedral Mission
19 University Settlement
20 Grand Theater
21 Yiddish Rialto
22 Thalia Theater
23 Peoples Bath
24 Police Headquarters

Bowery



Moses Rischin, The Promised City: New York Jews, 1870-1914

2nd ed. Harvard University Press, 1977.

LIT 5506 CITYSCAPES

MORRIS ROZENFELD

(1862-1923)




[also: Morris Rosenfeld, Moyshe-Yankev-Alter Rozenfeld]

Born in the village Boshka, Suvalk district, Jewish Lithuania, then in Russia close to the German border. His father was a tailor for the Russian army. Lived in Suvalk, studied in heder. After his marriage, lived with his in-laws and studied Talmud. Also learned German, Polish, read modern Hebrew literature and Yiddish poetry. From the age of 15, he wrote Yiddish poems. In 1882 visited America, returned to his parents who had moved to London, where he worked as a tailor, lived in dire poverty, and was drawn to the anarchists. In 1886, settled in America, worked in New York tailor shops as a handworker and then as a presser. Began publishing socialist propaganda poetry that found an admiring audience among the Jewish workers. His poems were sung in shops and at assemblies. From working as a presser, he became ill; tried to earn a living by singing his songs and selling his books. After his third book, 1897, he became famous. In 1898, Leo Wiener, Professor of Slavic literature at Harvard, translated a book of his poems, Songs from the Ghetto, into English. Translations into other languages followed, including a book in German with Berthold Feivel's translations and Lilien's illustrations and in English: Songs of Labor and Other Poems, translated by Rose Pastor Stokes and Helena Frank. Rozenfeld got a position as a journalist. In 1905 his only son died at the age of fifteen and Rozenfeld was paralyzed in half his body. His collected works were published in New York in six volumes, 1908-1910. In 1913 he was forced out of the Forverts and eventually became isolated from the new world of literature. His poems and collected writings were published in many editions in the US and in Europe and several of his poems were set to music and gained wide popularity. Rozenfeld was received in Yiddish criticism as one of the fathers of Yiddish "Proletarian" poetry, but he also wrote many national and Zionist poems, as well as personal lyrics of love and nature, and satirical verse on the human condition and the Jewish scene.



# The Sweatshop

The machines in the shop roar and shriek out of tune,
I forget who I am in the noisy routine; –
I get lost in the horrible roar and commotion,
My self melts away, I become a machine:
I work and I work and I work with no counting,
I create and create and create without end;
For what? And for whom? I don't know, I don't ask, --
How can a machine think at all, comprehend?

No feeling, no thought, there is no understanding; –
The bitter, the bloodiest work deals a blow
To the noblest, the best, all the finest and richest,
The deepest, the highest that life has to show.
The seconds, the minutes, the hours streak by,
Like sails disappear all the nights and the days; --
I drive the machine as if to overtake it –
I rush without reason, I rush in a haze.

The clock in the workshop ne'er knows any rest,
It points, ticks and wakes, it won't leave you behind; –
A man once explained its deep meaning to me:
Its pointing and waking, inside lies a mind;
But something occurs in my head like a dream:
The clock wakes in me life and meaning so keen,
And something beyond it – what it is, don't ask!
I forgot, I don't know, for I am a machine!...

And often when I hear the tick of the clock,
I see all at once through its pointing, its tongue; –

# דיא סוועט שאפ

עס רוישען אין שאפ אזוי ווילד דיא מאשינען,
אז אפטמאהל פערגעס איך אין רויש דאס איך בין;—
איך ווער אין דעם שרעקליכען טומעל פערלארען,
מיין איך ווערט דארט בטל, איך ווער א מאשין:
איך ארבייט און ארבייט, און ארבייט אהן חשבון,
עס שאפט זיך, און שאפט זיך, און שאפט זיך אהן צאהל:
פיר וואס? און פיר וועמען? איך ווייס ניט, איך פרעג ניט,—
וויא קומט א מאשינע צו דיינקען א מאהל?

ניטא קיין געפיהל, קיין געדאנק, קיין פערשטאנד גאר; —
דיא ביטערע, בלוטיגע ארבייט דערשלאגט
דאס עדעלסטע, שענסטע און בעסטע, דאס רייכסטע,
דאס טיעפסטע, דאס העכסטע וואס לעבען פערמאגט.
עס שווינדען סעקונדען, מינוטען און שטונדען,
גאר זעגעל־שנעל פליהען דיא נעכט מיט דיא טעג; —
איך טרייב דיא מאשין גלייך איך וויל זיי דעריאגען, —
איך יאג אהן א שכל, איך יאג אהן א ברעג.

דער זייגער אין ווארקשאפ, ער רוהט ניט אפילו,
ער ווייזט אלץ און קלאפט אלץ און וועקט נאכאנאנד;—
געזאגט האט א מענש מיר אמאהל דיא בעדייטונג:
זיין ווייזען און וועקען, דארט ליגט א פערשטאנד;
נאר עפּעס געדיינקט זיך מיר, פונקט וויא פון חלום; —
דער זייגער, ער וועקט אין מיר לעבען און זינן,
און נאך עפּעס, — איך האב פערגעסען, — ניט פרעגט עס!
איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, איך בין א מאשין!...

און צייטענווייז ווען איך דערהער שוין דעם זייגער,
פערשטעה איך גאנץ אנדערש זיין ווייזען, זיין שפראך;—

מיר דאַכט, אַז עס נוקעט מיך דאָרטען דער אונ'רוה,
כ'זאָל אַרבייטען, אַרבייטען, מעהרער, אַ סך!
איך הער אין זיין טאָן נאָר דעם באָס'ס ווילדען בייזער,
זיין פינסטערען קוק אין די ווייזער די צוויי; —
דער זייגער, מיר סקרוכעט, מיר דאַכט, אַז ער טרייבט מיך
און רופט מיך „מאַשינע!" און שרייט צו מיר: „נייה!"

נאָר דאַן, ווען ס'איז שטילער דער ווילדער געטומעל,
אַוועק איז דער מייסטער, אין מיטאָג־צייט שטונד,
דאַן פאַנגט אָן אין קאָפּ ביי מיר לאַנגזאַם צו טאָגען,
אין האַרצען צו ציהען, — איך פיהל דאַן מיין וואונד; —
און ביטערע טרעהרען, און זודיגע טרעהרען
צו ווייקען מיין מאָגערען מיטאָג, מיין ברויט, —
עס ווערגט מיך, איך קען ניט מעהר עסען, איך קען ניט!
אָ, שרעקליכע פּראַצע! אָ, ביטערע נויט!

ס'ערשיינט מיר די שאַפּ אין דער מיטאָג־צייט שטונדע
אַ בלוטיגע שלאַכטפעלד, ווען דאָרט ווערט גערוהט:
אַרום און אַרום זעה איך ליגען הרוגים,
עס ליאַרעמט פון דר'ערד דאָס פערגאָסענע בלוט...
איין ווײַלע, און באַלד ווערט געפּויקט אַ טריוואָגע,
די טויטע ערוואַכען, עס לעבט אויף די שלאַכט,
עס קעמפּפען די טרופּען פיר פרעמדע, פיר פרעמדע,
און שטרייטען און פאַלען, און זינקען אין נאַכט.

איך קוק אויף דעם קאַמפּפּלאַץ מיט ביטערען צאָרען,
מיט שרעק, מיט נקמה, מיט העלישער פּיין; —
דער זייגער, יעצט הער איך איהם ריכטיג, ער וועקט עס:
„אַ סוף צו די קנעכטשאַפט, אַ סוף זאָל דאָס זיין!"
ער מונטערט אין מיר מיין פערשטאַנד, די געפיהלען,
און ווייזט ווי עס לויפען די שטונדען אַהין:
אַן עלענדער בלייב איך, ווי לאַנג איך וועל שווייגען,
פערלאָרען, ווי לאַנג איך פערבלייב וואָס איך בין —
דער מענש, וועלכער שלאָפט אין מיר הייבט אָן ערוואַכען,
דער קנעכט, וועלכער וואַכט אין מיר שלאָפט דאַכט זיך
איין; —
אַצינד איז די ריכטיגע שטונדע געקומען!
אַ סוף צו דעם עלענד, אַ סוף זאָל עס זיין! —

I feel that the pendulum prods me go on,
To work and to work, even more, fast and long!
I hear in its tone all the boss's wild anger,
His dark, gloomy look in the pointers that show; –
I fear that, relentless, the clock drives me on
And calls me: "Machine!" And screams to me: "Sew!"

But at noon, when the master goes off for his lunch,
And the terrible roar for a while does depart,
Then slowly it dawns in my head like the day,
Then I can feel my wound and the throb in my heart; –
And bitter tears fall, and boiling tears fall
To soak my dry bread, till from food I recoil –
It chokes me, I can no more eat, I can not!
Oh, harsh bitter need! Oh, terrible toil!

The workshop appears in the mid-day recess
As a battlefield bloody that rests from its flood:
All around I see lying the corpses of men,
A scream from the earth – it is the shed blood...
One moment, and soon they sound drums of alarm,
The dead come to life, and the battle grows bright,
The troops they are fighting for strangers, for strangers,
And struggle and fall and sink in the night.

I look at the battleground, bitter with rage,
With fear, with revenge, with a hellish wild ache; –
The clock, now I hear it all right, it awakes:
"An end to the slavery, an end we must make!"
It rouses in me all my reason, my feelings,
And shows me the hours – a stream with no dam:
I shall remain wretched as long as I'm mute,
Forlorn, the while I remain as I am...

The man who is sleeping within me awakes,
The vigilant slave falls asleep inside me; –
This is the hour, the right time has come!

נאָר פּלוצלינג — דער וויסטעל, דער באָס — אַ טרעוואָגע!
איך ווער אָן דעם שכל, פֿאַרגעס, וואו איך בין, —
עס טומלט, מען קעמפֿט, אָ, מײַן איך איז פֿאַרלאָרן —
איך ווייס נים, מיך אַרט נים, איך בין אַ מאַשין...

And end to the misery, an end there must be!...
But suddenly – the whistle, the boss – an alarm!
I forget who I am in this deafening scene –
I'm losing my reason, I'm losing my self –
I don't know, I don't mind, for I am a machine...



## דער סוועט־שאַפּ

קאָרנער ווי און עלנט שטייט אַן אַלטע הײַזל:
אונטן איז אַ שענקל, אויבן איז אַ קלײַזל.
אונטן קומען לומפּן אויפֿטאָן נאָר נבֿלות,
אויבן קומען ייִדן, קלאָגן אויפֿן גלות.

אָבער העכער, העכער: אויפֿן דריטן גאָרן,
איז פֿאַראַן אַ צימער, — ווײ צו זײַנע יאָרן!
זעלטן ווען געוואַשן, זעלטן ווען גערייניקט. —
שמוציקייט און בלאָטע ווײַנען דאָרט פֿאַראייניקט.

אָט אין דיזן מקום אַרבעטן זיך פֿלײַסיק
און צופֿרידן, דאַכט זיך, בײַ אַן ערך דרײַסיק
אָפּגעצערטע מענער, אָפּגעצערטע ווײַבער,
מיט צעדריקטע גײַסטער און פֿאַרוועלקטע לײַבער.

דאָרטן גייט אַרום זיך מאַטקע פּאַרך אַ בייזער,
שפּילנדיק די ראָלע פֿון אַ גאַנצן קיסר.
דען ער איז דער מײַסטער. און די שאַפּ איז זײַנע,
און מען מוז אים פֿאָלגן, פֿאָלגן אָן אַ טענה.

## *The Sweatshop*

Corner of Pain and Anguish, there's a worn old house:
tavern on the street floor, Bible room upstairs.
Scoundrels sit below, and all day long they souse.
On the floor above them, Jews sob out their prayers.

Higher, on the third floor, there's another room:
not a single window welcomes in the sun.
Seldom does it know the blessing of a broom.
Rottenness and filth are blended into one.

Toiling without letup in that sunless den:
nimble-fingered and (or so it seems) content,
sit some thirty blighted women, blighted men,
with their spirits broken, and their bodies spent.

Scurf-head struts among them: always with a frown,
acting like His Royal Highness in a play;
for the shop is his, and here he wears the crown,
and they must obey him, silently obey.

*Aaron Kramer*

# Yehoash

(1872–1927)



*Pseudonym of Yehoash-Shloyme Blumgarten; in English: Solomon Bloomgarden*

BORN IN VIRBALEN (WIERZBALOWO), Suvalk district, on the Polish-Lithuanian border and at that time on the Russian side of the Russian-German border. His father was well read in Jewish religious and Enlightenment literature and an early "Lover of Zion." The breadwinner was his mother, who kept a small hardware store. From the age of four, he studied in heder and with private teachers: Talmud, Bible, Hebrew, and secular Haskalah literature. At thirteen, after Bar Mitzvah, he began to study foreign languages and literatures and wrote poetry in Hebrew. Yehoash was a private Hebrew teacher for rich families. In 1890, he came to America, tried out various trades, and wrote a book of Hebrew poems (unpublished). He lived in poverty and contracted consumption; in 1900 he went to a sanatorium in Denver, where several Yiddish poets convalesced at different times (Edelshtat, H. Leyvik). With the head of the sanatorium, Dr. Chaim (Charles D.) Spivak, Yehoash authored a comprehensive dictionary of Hebrew and Aramaic expressions in Yiddish. From 1909 on he lived in New York, published poetry and essays in the international and American Yiddish press as well as several volumes of collected poetry and fables. In January 1914, he left with his family to settle in Palestine. As American citizens, they were evacuated from Eretz Israel in 1915. His memoirs of that romantic period of Jewish settlement in the Holy Land, *From New York to Rehobot and Back*, were also published in an abbreviated English translation (*The Feet of the Messenger*, 1923).

Yehoash contributed to hundreds of Yiddish newspapers and periodicals around the world (United States, Canada, Poland, Russia, Austria, Argentina, Eretz Israel, and elsewhere). Published poetry, prose, fables, essays, drama, travelogues. Translated hundreds of works from many languages (English, Russian, German, Hebrew, French, Arabic) into Yiddish, including a masterful Yiddish rendering of Longfellow's *Hiawatha*, Lafcadio Hearn's *Chinese and Japanese Legends*, Omar Khayyam's *Rubaiyat*, Merezhkovsky's *Sakya Muni*, Rostand's *Chantecler*, Byron's "Hebrew Melodies," and many more. He studied classical Arabic and translated parts of the Koran into Yiddish. His translation of the complete Bible into Yiddish, combining archaisms of the medieval Yiddish Bible translations with neologisms in the style of Yiddish modernist poetry, is one of the richest books of Yiddish literature and was the source of Marc Chagall's Bible illustrations. Many of his poems were translated into Hebrew and other languages; others were set to music. Numerous volumes of his works appeared during his lifetime, including a ten-volume new edition, published in New York in 1920–21. His later poetry and Bible translations exerted a major influence on Yiddish modernist poetry and art, especially on A. Léyeles, A. Sutzkever, and Marc Chagall.

[illegible] as several volumes of collected poetry and [illegible] citizens, they were

left with his family to settle in Palestine. As American [illegible] His memoirs of that romantic period of

[illegible]

## סאַבוועי

אַן אומגעזעענע האַנט האָט צוגעמאַכט אַ טיר,
און איינגעשפּאַרט אַ הורבע מענטשן,
טייל פֿאַרטונקט אויף בענק,
טייל הענגענדיג אויף ווייסע רינגען.
פֿאַלט דאָס קאַלכיג ליכט
אויף דינע דורכזיכטיגע פֿינגער
נאָר־וואָס פֿון דער שרייב־מאַשין,
אויף שווערע האַרטע הענט
געשוויצט פֿון דעם וואַרשטאַט,
און אויף פּערלמוטער הענטשקעס...
און די הורבע וויגט זיך,
הין און הער, און הין און הער,
אין אַ מידן אויסגעגלאָזטן ריטם,
ווי באַקלאָגנדיג אַ מת...

גיט די הורבע זיך אַ טרייסל,
און פֿאַלט צונויף אין אַ הויפֿן
פֿאַרגליווערט.
און די אומגעזעענע האַנט
רוקט אַ טיר פֿונאַנדער...
דריקט זיך שמייכלענדיג אַריין אין קניל
אַ דין יונג מיידעל,
מיט אַ הענגעל סאַי אַרויפֿגעשטאָכן אויף איהר יאַק.
און די הורבע נעהמט זיך ווידער וויגען
מיעד און אויסגעגלאָסען,
ווי באַקלאָגענדיג אַ טויטען,
און אין מיט דאָס דינע מיידעל
מיט'ן הענגעל סאַי...

.1919

283

## Subway

An unseen hand shut the door
And imprisoned a throng of people,
Some dunked on benches,
Some banging on white rings.
The light -- lime falling
On thin transparent fingers
Fresh from the typewriter,
On heavy hard hands
Sweaty from the workshop,
Nacre gloves...
And the throng sways
Back and forth, back and forth,
In a weary, glazed rhythm,
As if lamenting a death...

The throng is shaken,
Collapses in a heap,
Gels.
And the unseen hand
Opens a door...
Smiling, pushing into the tangle,
A slender girl,
A bunch of lilacs pinned to her lapel.
And the throng begins to sway again
Weary and glazed,
As if lamenting a dead person.
And in the middle, the slender girl
With a bunch of lilacs...

1919

## וואָלוואָרטה־בילדינג

א רעשט פון טאָג־שגעון שלענגעלט זיך אהיים,
די אויגן אָנגעגליטע, די געזיכטער לעטם...
רעדער ווערן ווייניגער אויף די גאַסן,
א שווערער וואָגן ליידיג און געלאַסן
קלאַפּערט איבער'ן אַספאַלט.
דער אָווענט פאַלט
ווי א טויטער פליגעל אויף דעם אויסגעמישטן קנאָט
פון ציגעל און צעמענט און דראָט...
פון טומעל ווערט א מורמעל ווי פון שלאָף,
א זיפצן דורך פאַרדריקטע ציין אין סוף
פון א דערשטיקט געוויין...
און איבער אַלע טויערן אַליין,
א הויכער און א גלייכער, גראָ'ט
דער קאַטעדראַל פון גאָלד־און־אייזן גאָט...

.1920



## Woolworth Tower

A remnant of day's madness wends his way home,
Eyes like hot iron, faces numb...
Fewer wheels in the streets,
A heavy wagon, empty and slow,
Clopping on the pavement.
Evening falls
Like a dead wing on the mixed clump
Of bricks, cement and wires...
The noise sinks to a mumble as in a dream,
Sighing through clenched teeth at the end
Of a stifled sob...
Alone, above all the buildings,
Graying tall and straight,
The cathedral of the gold-and-iron god...

1920

## בראָדוועי

יאָגן אויטאָס, וועגן און טראַמווייען,
פייפלעך פייפן, טרובעס בלאָזן, גלעקער קלינגען,
פילדערט דורך א פייערלעשער־וואָגן
שלעפּנדיג א שוואַרצן צאָפּ מיט רויך.
שאַרן מחנות חויבע פיס.
ברוינע, געלע, פּערל־גראָע, ווייסע פיס...
ווייסע העלזער, שטיקער אָנגעפּודערטע לייב,
שוואַרץ געפאַרבטע ברעמען, בלאָנד־געבלייכטע האָר,
היט מיט גרינע פעדערן,
גלאַנציגע צילינדערס און א ווירבל שטרויהיטן,
ברייטע מעקסיקאַנישע סאָמבּרעראָס,
זעלנער־און מאַטראָסן־היטלעך פון א טוצן פעלקער,
אַלטע בירגער פון דער נאַכט מיט וואַסערדיגע אויגן,
און גרויסע דימענטן אין שניפּס,
יינגלעך גליהענדיג פון יעדער מיידעל־קוק,
לייט פון אַלע לענדער און פון אַלע זונען,
פון ווייַנבערג לעבן שטילן ים,
פון שניי־בערג, פון ברייטע ווייץ און קאָרן־פעלדער,
פון הויך־גראָזיגע פּאַמפּאַס,
פון דאָרט, וואו הונדערט טויזנט שקלאַפן גראָבן



## Broadway

Rushing cars, wagons, trams,
Whistling whistles, blowing horns, ringing bells,
A fire-truck roars by
Trailing a black braid of smoke.
Masses shuffle their feet,
Brown, yellow, pearl-gray, white bare legs...
White necks, clumps of powdered bodies,
Black painted brows, bleached blond hair,
Hats with green plumes,
Shining tophats, and a whirl of straw hats,
Broad Mexican sombreros,
Soldier and sailor hats of a dozen nations,
Veteran denizens of the night with watery eyes
And big diamond stickpins,
Boys lighting up at every girl's eye,
People of all lands and all suns,
Of a vineyard at the quiet sea,
Of snow-mountains, of broad fields of wheat and rye,
Of high grass pampas,
Of where a hundred thousand slaves
Dig gold out of graves in the earth...

## וואולוואָרטה־בילדינג

אַ רעשט פון טאָג־שגעון שלענגעלט זיך אַהיים,
די אויגן אָנגעגליהטע, די געזיכטער לעהם...
רעדער ווערען ווייניג אויף די גאַסען,
אַ שווערער וואָגען ליידיג און געלאַסען
קלאַפּערט איבער'ן אַספאַלט.
דער אָווענד פאַלט
ווי אַ טויטער פליגעל אויף דעם אויסגעמישטען קנאַפּ
פון ציגעל און צעמענט און דראָט...
פון טומעל ווערט אַ מורמעל ווי פון שלאָף,
אַ סאָפּען דורך פאַרדריקטע ציינער אין סוף
פון אַ דערשטיקט געוויין...
און איבער אַלע טויערן אַליין,
אַ הויכער און אַ גלייכער, גראָ'ט
דער קאַטעדראַל פון גאָלד־און־אייזען גאָט...

.1920



## Woolworth Tower

A remnant of day's madness wends his way home,
Eyes like hot iron, faces numb...
Fewer wheels in the streets,
A heavy wagon, empty and slow,
Clopping on the pavement.
Evening falls
Like a dead wing on the mixed clump
Of bricks, cement and wires...
The noise sinks to a mumble as in a dream,
Sighing through clenched teeth at the end
Of a stifled sob...
Alone, above all the buildings,
Graying tall and straight,
The cathedral of the gold-and-iron god...

1920

## בראָדוועי

יאָגען אויטאָס, וועגען און טראַמוויין,
פייפעלך פייפען, טרובעס בלאָזען, גלעקער קלינגען,
פליהערט דורך אַ פייערלעשער־וואָגען
שלעפּענדיג אַ שוואַרצען צאָפּ מיט רויך.
שאַרען מחנות הויכע פיס.
ברוינע, געלע, פּערל־גראָע, ווייסע פיס..
ווייסע העלזער, שטיקער אָנגעפּודערט לייב.
שוואַרץ געפאַרבטע ברעמען, בלאָנד־געבלייכטע האָר,
היט מיט גרינע פעדערן,
גלאַנציגע צילינדערס און אַ ווירבעל שטרוי־היט,
ברייטע מעקסיקאַנישע סאָמברעראָס,
זעלנער־און מאַטראָזען־היטלעך פון אַ טוצענד פעלקער,
אַלטע בירגער פון דער נאַכט מיט וואַסערדיגע אויגען,
און גרויסע דימענטען אין שניפּס,
אינגלעך גליהענדיג פון יעדער מיידעל־קוק,
לייט פון אַלע לענדער און פון אַלע זונען,
פון ווייגבערג לעבען שטילען ים,
פון שניי־געבערג, פון ברייטע ווייץ און קאָרן־פעלדער,
פון הויך־גראָזיגע פּאַמפּאַס,
פון דאָרט, וואו הונדערט טויזענט שקלאַפען גראָבען



7

## Broadway

Rushing cars, wagons, trams,
Whistling whistles, blowing horns, ringing bells,
A fire-truck roars by
Trailing a black braid of smoke.
Masses shuffle their feet,
Brown, yellow, pearl-gray, white bare legs...
White necks, clumps of powdered bodies,
Black painted brows, bleached blond hair,
Hats with green plumes,
Shining tophats, and a whirl of straw hats,
Broad Mexican sombreros,
Soldier and sailor hats of a dozen nations,
Veteran denizens of the night with watery eyes
And big diamond stickpins,
Boys lighting up at every girl's eye,
People of all lands and all suns,
Of a vineyard at the quiet sea,
Of snow-mountains, of broad fields of wheat and rye,
Of high grass pampas,
Of where a *hundred thousand slaves*
Dig gold out of graves in the earth...

פון קברים אין דער ערד, גאָלד פאַר עמיצן...
צפון־מענטשן, דרום־מענטשן, פון עראָפּלאַנען און פון שיפן,
אײַלענדיק צום נאַכטגעיעג פון בבל...
שרײַט פון אַלע װינקלען אַ פאַרשײַטע ליכטיקײט,
גיסט אַ העלער, רױשיגער קאַסקאַד.
און שלאָגט אַרױף צום לעהמיג־געלן הימל...
קריכן פײַער־שלאַנגען אױף הױכע מױערן,
לױפן אױף אַ טורעם דרײַ פײַערדיקע פערד
מיט װילדן אימפּעט אין דער הײסער נאַכט,
צאַפּט אַ גרױסע פײַערדיקע פלאַש
פײַער אין אַ כּוס.
שפּרינגט פון פינסטערניש אַ פײַערדיקע קאַץ
און גראַבלט מיט די נעגל
אַ פײַערדיקע שפּול...
. . . . . . . . . . . . . . .

1919.

19

Northerners, southerners, of airplanes and ships,

Rushing to the night bustle of Babel...

A wanton shine screams from all corners,

A bright raucous cascade pours

And sprays up to the clay-yellow sky...

Fire-serpents creep up high buildings,

On a tower three fire-horses run

With wild energy into the hot night,

A huge fire-bottle taps

Fire into a glass,

From the dark, a fire-cat leaps

And claws

A fiery spool...

1919

## סינעמאַ

טױזנט מענטשן קאָפּ צו קאָפּ
אין פינסטערניש.
שפּרינגט אַרױס אַקעגן איבער
אַ װײַס שטיק.
װיקלט אױפ'ן װײַסן שטיק
אַ גרױסע שטאָט מיט מױערן
און דראָטן און לאַמטערנס.
אַ ברײטע גאַס און אָנגעפּאַקטע טראָטואַרן,
און מיט פאָנען און מוזיק
קומט אַ מחנה זעלנער.
פוסגײער, רײַטער, הינקעדיקע,
מאַשינען, אַמבולאַנסן,
מײדלעך מיט רױטע צלמים
אױף די װײַסע היבלען.
זקנים אין אַלט־פרענקישע מונדירן
באַהאַנגען מיט מעדאַלן.
לױפט פון העלער הױט די גאַס אַריבער
אַ יונגער מאַן מיט אַ דערשראָקן פּנים
און אַן אױפגעשטעלטן קאָלנער.
זיץ איך צװישן טױזנט קעפּ אין פינסטערניש

און טראַכט:
אַרבעט אין פאַבריק אַ יונגערמאַן.

## Cinema

A thousand people head to head

In the dark.

Up above leaps

A white clump.

On the white clump, spinning,

A big city with buildings

And wires and lanterns.

A broad street and packed sidewalks.

With flags and music

Comes a procession of soldiers,

Pedestrians, riders, cripples,

Trucks, ambulances,

Girls with red crosses

On white caps.

Old people in old-fashioned uniforms

Covered with medals.

Out of the blue, a young man

With a terrified face and raised collar

Runs across the street.

I sit among a thousand heads in the dark

And think:

A young man works in a factory,

און גייט אַהיים,
און שפּילט זיך מיט זײַן קינד,
און איין טאָג ווערט ער קראַנק
און שטאַרבט,
און איבער ווײַטע ימים,
אין ניו־יאָרק,
און אין שיקאַגאָ,
און אין סאַן־פֿראַנציסקאָ,
לויפֿט ער נאַכט נאָך נאַכט די גאַס אַריבער
מיט אַן אײַנגעשראָקן פּנים,
און אַן אויפֿגעשטעלטן קאָלנער...

1920

Goes home,
Plays with his child,
And one day he gets sick
And dies,
And above distant seas,
In New York,
And in Chicago,
And in San Francisco,
Night after night, he runs across the street
With a terrified face
And raised collar...

1920

זישע לאַנדוי

## אין על

כ'הענג אויף אַ רימען אין על.
מיר פֿאָרן שנעל. ס'איז הייס, ס'איז ענג.
נאָר היימלעך איז מיר אין געדרענג
פֿון ווײַבער און אַנאָנסן.
מײַן בליק לויפֿט אומעטום אַרום:
פֿון זאַך צו מענטש, און באַלד צוריק
פֿון מענטש צו זאַך.
ווי בײַ אַ הונט די נאָז איז וואַך,
און שמעקט און שמעקט,
און כאַפּט אײַן אַלץ, וואָס קומט איר נאָר אַנטקעגן.
און וואָס אין האַרצן איז געלעגן
פֿאַרשלאָפֿנערהייט פֿון יאָרן
איז אויפֿגעוועקט געוואָרן מיט אַמאָל.

דער צוג לויפֿט גיך און הײַזער פֿליען ראַש פֿאַרבײַ.
און גראָבע ווײַבער זיצן אויף פֿרײַ
און ברייט צעשפּרייט די פֿיס
און שמייכלען עפּעס אַזוי זיס,
און קײַען, דרימלענדיק דאָס מויל,
פֿאַרשלאָפֿן, מיד און פֿויל;
און אַנדערע — איין פֿוס צום צווייטן צוגעדריקט,
און ליפּלעך — דין — — —
אַזוי איין פֿוס צום צווייטן צוגעדריקט
און ליפּן אַזוי דין — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

פֿון היץ ווערסטו שיער ניט דערשטיקט.
די באַן זיך וויגט
אַהער, אַהין,
און וואָס עס מאַכט דיך מיד, ווי פֿריש געשניטן היי,
און וואַכיק, ווי בײַנאַכט אַ קינדערס געשריי,
דאָס איז דער ריח, וואָס זיך טראָגט פֿון זיי.

Zishe Landau

## ON THE EL

I hang on a strap in the El.
The train rushes on, hot and stuffy.
But I'm at home in the crowd
of women and advertisements.
So much to see. I look at the people,
at everything. My eye roams
back and forth, everywhere.
Like a dog, my nose
runs around sniffing:
It's greedy.
*And a whole part of myself*
*that I thought was surely dead within me*
*woke up then.*
The train races on, tenements passing.
Big blobs of women relax
with legs spread
and smile with a yielding sweetness,
their mouths chewing,
drowsy, tired, and lazy;
while others perch, thighs squeezed together,
lips pursed thin—
just like that: thighs squeezed
and lips thin.
You are groggy from the heat
and the train's rocking
from side to side;
but what fills you with sweet languor,
like drowsing in fresh-cut hay
yet alert for a child's cry in the night,
is the fragrance that comes from them.

## Mani Leyb (Brahinski; 1883-1905-1953)

### אויף דער פינפטער עוועניו.

אויף דער פינפטער עוועניו, אין א ווייסן טויער,
אין א ווייסן טיער, אויפ'ן דרייצנטן שטאק,
נייען מיידלעך און ווארטן אין דער בלייכקייט פון טרויער,
אויפן פוילן סיגנאל פונם אוונט־גלאק.

נאר דער גלאק שלאפט פויל אין א זומפ פון שטונדן,
און דער טאג ליגט קראנק אין דעם שטיין פון ווענט,
און די נאדלען וויינען און באוויינען וואונדן,
און דער זייד שארכט, שארכט אין די מיידלשע הענט.

ווייסער זייד, ראזער זייד, פיאלעטער און בלויער,
און די נאדלען וויינען דין, דין און טויב.
און די זון אויף די פענצטער אין דער בלייכקייט פון טרויער
קריכט אין הייסע זיילן פון גרינעם שטויב.

און די נאדלען וויינען און באוויינען וואונדן.
און דער זייד שארכט, שארכט אין די מיידלשע הענט
און דער טאג ליגט קראנק אין די וואונדן פון שטונדן,
איבער מיידלשע הענט, אינם שטיין פון די ווענט.

### On Fifth Avenue

In a white building on Fifth Avenue,
On the thirteenth floor of a white building,
Girls sew and wait in the whiteness of sorrow
For the evening bells lazy ringing.

But the bell naps listless in the thick hours
And the day lies ill in the stone of the walls
And the needles whine and cry the wounds out
And the silk in girls' hands rustles, rustles.

White silk, pink silk, violet and blue;
And the needles whine, deaf and thin.
And on the windows in the whiteness of sorrow
The sun crawls from green dust in hot columns.

And the needles whine and cry the wounds out.
And the silk in girls' hands rustles, rustles.
And the day lies ill in the wounds of the hours,
Over the hands of girls, in the stone of the walls.